בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

443

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאְרְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר קֶרֶן הַדְפָסָה, לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה..........א

מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ..........ב

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ גֵיין בַּאזוּכְן דַיין טַאטֶע..........ג

בַּאצוּקֶער דַיין לֶעבְן, בַּאזִיס דִי בִּיטֶערְקֵייט..........ד

בְּרוּדֶער בַּאנַיי זִיךְ, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים..........ה

וֶוען דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן..........ה

אַ גֶעזוּנְטֶע אוּן רֵיינֶע עוֹלָם אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן..........ו

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין "נְשֵׁי חַיִל"..........ז

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט..........ח

לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס זָאלְסְטוּ גֶעבְן צְדָקָה פַארְן "בֵּית הַדְפוּס"..........ח

דִי שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטֶעטְל..........ט

שְׁטְרֶענְג זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער..........י

לָאז שׁוֹין אָפּ דָאס זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן..........י

סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט..........יב

אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין אוּן מֶעדְעצִין..........יג

דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוּו הַאלְטְן פְרִישׁ מִיט חַיּוּת..........יד

וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט אַלֶעס גֶעשְׁמִירְט..........טו

קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים, הֶערְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת..........טז

לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער מִיט זֵייעֶר צְנִיעוּת..........טז

אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אֵיידְל, קֶען אַרְבֶּעטְן דִי בְּרָכוֹת אוּן סְגוּלוֹת..........יח

זֶע צוּ טוּן פַּאר הֲפָצָה.......................................................... יט

דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיפְפְּרִישְׁן.................... כא

אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס פוּן דִי יְשִׁיבָה................................. כג

מַאכְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת...................כד

לוּחַ שְׁנַת תשפ״ז ...................................................... כה

דִי טֶעג אוּן וָואכְן זָאלְן נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן ..................כו

וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט, אַלְץ שְׁנֶעלֶער קוּמְט דִי רְפוּאָה ....................כח

טוּ תְּשׁוּבָה................................................................... כט

חַבּוּרוֹת מְפִיצִים........................................................... לא

דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, אִיז צְנִיעוּת ................... לא

בְּלַייבּ מְקוּשָׁר מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ...................................לב

תְּהִלִּים הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ, נִישְׁט צוּ פַאלְן................................ לג

מִיט דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק............................ לג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר קֶרֶן הַדְפָסָה, לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְבָרִים, חֲזוֹן, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לֵייבִּי רָאטְה נֵרוֹ יָאִיר, פָאנְדְרֶעיזֶער פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַדְפוּס, חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט אַוַודַאי גֶעהֶערְט דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז אִיךְ הָאבּ אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט מַיין טַייעֶרְער זוּן הַחָתָן הָרַב נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר, מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מִשְׁפָּחָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּנְזֶער טַייעֶרְער גַבְּאַי פוּן שְׁטֶעטְל.

לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה שִׁיק אִיךְ דִיר פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר דִי קֶרֶן הַדְפָסָה, צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״ש, דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה פַארְבִּינְדְט מֶען זִיךְ מִיטְן בֵּית הַדְפוּס אוּן מֶען אִיז מְנַדֵב פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אֲשֶׁר בַּנַּחַל, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז אַ שְׁטִיקְל טָעוּת; אַוַודַאי וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה דַארְף מֶען לוֹיפְן צוּ דִי סְגוּלָה פוּן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, טוּן דִי סְגוּלָה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט מְנַדֵב זַיין פַאר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶוער עֶס וֶועט

הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים – וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, אָבֶער מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ צָרָה; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז עֶס אִיז דָא אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה – דֶעמָאלְטְס אִיז דִי פַּאסִיגֶע צַייט צוּ מְנַדֵב זַיין פַּאר דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה, אוּן הָאבְן אַ חֵלֶק אִין פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה, אַ חֵלֶק מִיט בִּיאַת מָשִׁיחַ, שֶׁיָּבוֹא בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

...

## מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, (חֻקַּת בא"י), כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן**

וואוּיל אִיז דִיר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וּבַ"עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" שָׂם גּוֹרָלֶךָ, דוּ הָאסְט דִי זְכִיָ' לִיכְטִיג צוּ מַאכְן פַּאר הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן מִיט דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוֹן פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; חִיזוּק, שֵׂכֶל וְהַדְרָכָה, גֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן, אוֹיפְן וֶועג וִוי מִיר הָאבְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

גֵיי אָן בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, זַיי נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וִויפִיל דוּ טוּסְט; נָאר בַּיי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן אִיז אַ מַעֲלָה אֵיינֶער וָואס אִיז מִסְתַּפֵּק בְּמִעוּט, אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, אָבֶער בַּיי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן בַּיי הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִיז אַ מַעֲלָה וָואס מֶער הוּנְגֶעריג מֶען אִיז, וָואס מֶער מֶען וִויל אוֹיפְטוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּן אַ וַוייבְּל אָנְגֶעטוּן אֵיידְל מִיט אַ טִיכְל, אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט בַּיי אוּנְז, וִוי זִי כַאפְּט זִיךְ אָן דִי בַּאקְן פוּן צַעַר פוּן צֵיין וֵוייטָאג, אוּן וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן [דֶער רֶבִּי], וַוייזְט אִיר מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי בַּאקְן אַ סִימָן פוּן שְׁמֵייכְלֶען, זִי מִיט אַ פַארְוֵוינְטֶע פָּנִים, אוּן עֶר מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים. אִיךְ וִויל מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה'לֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע וֵוייטָאג.

"טַאטֶע, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַעַר, דִי צֵיין טוּט מִיר וֵוי, דִי וֵוייטָאג

אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס קְנַאקְט בִּיזְן מֹחַ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, אַהַה... אַהַהַ..."

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זִי הָאט גֶעוֵויינְט: "טַאטֶע אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַעַר, דִי צֵיין טוּט מִיר וֵויי, דִי וֵוייטָאג אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס לֶעכֶערְט מִיר בִּיזְן מֹחַ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן... אַהַהַ... אַהַהַ..."

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיר: "זַיי פְרֵיילִיךְ וֶועט קוּמֶען אַ רְפוּאָה, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט הָאבְּן קֵיין וֵוייטָאג".

"טַאטֶע... אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, עֶס שְׁטֶעכְט, עֶס רַייסְט..."

זָאגְט אִיר דֶער רֶבִּי: "אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ - מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין עֶכְט פְרֵיילִיךְ - מַאךְ אַ שְׁמֵייכְל, מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ; וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, וַוייל אֲפִילוּ מֶען מַאכְט אַ גֶעמַאכְטֶע שְׁמֵייכְל - וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים אוּן מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי מִיר ווילְן, אוּן אֲפִילוּ עֶפֶּעס טוּט זֵייעֶר וֵויי - דַארְפְן מִיר וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ - לָאמִיר זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

...

## זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ גֵיין בַּאזוּכְן דַיין טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס זִיךְ צוּ מְקַבֵּל זַיין, אַ גוּטֶע זַאךְ - לִכְבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעהַאט...

לִיבֶּער בְּרוּדֶער זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ גֵיין בַּאזוּכְן דַיין טַאטֶע, דוּ הָאסְט אַן אַלְטֶע טַאטֶע; וָואס מֵיינְסְטוּ, נָאךְ וִויפִיל יָאר וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב... זָאלְסְט גֵיין אִים בַּאזוּכְן, גֵיי שְׁמוּעֶס מִיט אִים, אוּן זֶע וָואס דוּ

קֶענְסְט הֶעלְפְן בַּיי אִים אִין שְׁטוּב; לָאז זִיךְ אָפּ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט אוּן טוּ דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב, דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ", דוּ וֶועסְט לַאנְג לֶעבְן.

הָאסְט מִיךְ גֶעפָאלְגְט בִּיז אַהֶער אוּן קוּק וִוי שֵׁיין זַאכְן זֶענֶען, זָאלְסְטוּ מִיךְ הָארְכְן אוֹיךְ מִיט דֶעם; וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן.

...

## בַּאצוּקֶער דַיין לֶעבְן, בַּאזִיס דִי בִּיטֶערְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים צָרוֹת וְיִסוּרִים, "כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ" - דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן אִין לֶעבְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן זוּכְן אִין דִי צָרָה - הַרְוָחָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוּן עֶר מַאכְט מִיט אוּנְז גוּטְס, אוּן אַז דַיין לֶעבְן אִיז בִּיטֶער אַזוֹי וִוי אַ לֶעמָאן - זָאלְסְטוּ מַאכְן לֶעמָאנַאדֶע, פוּנֶעם בִּיטֶערְן לֶעמָאן - קֶען מֶען אוֹיךְ גוּט מַאכְן, מֶען קֶען מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טְרוּנְק, לֶעמָאנֶעיד; בַּאצוּקֶער דַיין לֶעבְן, בַּאזִיס דִי בִּיטֶערְקֵייט.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, פוּן עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת בַּאקוּמְט מֶען גָארְנִישְׁט, אוּן מֶען פּוֹעֶל'ט גָארְנִישְׁט דוּרְךְ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה פּוֹעֶל'ט מֶען אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בְּרוּדֶער בַּאנַיי זִיךְ, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, אַז מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן - הָאט מֶען אַ דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן (גֶעלְט).

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת, אֵיין טָאג וֶועלְן מִיר זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, וֶוען מִיר וֶועלְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט אוּנְז אַוֶועק טְרָאגְן אִין פֶעלְד, מֶען וֶועט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ קֶבֶר אוּן אוּנְז בַּאעֶרְדִיגְן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת; דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת וֶועלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט פַאר אוּנְז, זֵיי וֶועלְן אוּנְז הִיטְן פוּן דִי וֶוערֶעם אוּן מַייז, עֶס וֶועט אוּנְז הִיטְן פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אוּן וִוי לַאנְג דִי יָאר אִיז - זֶעעֶן מִיר זִיךְ נִישְׁט; אִיךְ זֶע אַז מֶען קֶען זַיין נָאנְט אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט, אוּן מֶען קֶען זַיין וַוייט (וואוֹינֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד) - אוּן מֶען אִיז נֶענְטֶער וִוי דִי וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל; בְּרוּדֶער בַּאנַיי זִיךְ, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים, בִּפְרַט צוּ דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר, וֶועסְטוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע זִיסֶע עֵצוֹת וָואס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין צוּ אַלֶעם גוּטְס.

...

**וֶוען דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, דַיין וַוייבּ אִיז אַ טַייעֶרֶע פְרוֹי, אַ פְרוֹי מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, זִי אִיז נָאר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט

פון דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זִי אִיז נָאכְנִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת וְכוּ', יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ רֶעדְן וְכוּ', יֶעצְט דַארְף זִי קוּמֶען צוּ זִיךְ.

וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט - זָאלְסְטוּ זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס עֶפְנְט דִי מֹחַ, עֶס שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוֶוען, מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵעָה כִּלְאֵי בְּהֵמָה הֲלָכָה ד, אוֹת ו), וֶוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פון אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע צָרוֹת און יְסוּרִים, בִּפְרַט וֶוען זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ מְרִידָה קֶעגְן אִים, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרוֹיס פַאר אִים, נָאר אֵיין זַאךְ (תְּהִלִּים ג, א): "**מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ**", **אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם ווִיל מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן**... דָאס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דָּוִד הַמֶּלֶךְ פון נִישְׁט אֲוֶועקְפַאלְן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוֹיף דָּוִד (סַנְהֶדְרִין קז.), אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען (שְׁמוּאֵל ב טו, לב): "עַד הָרֹאשׁ", עַיֵּין שָׁם.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס רַאטֶעוֶוען אוּנְז און ווַייזְן אוּנְז דִי וֶועג אַרוֹיס פון דִי טוּנְקֶלְקֵייט.

...

## אַ גֶעזוּנְטֶע און רֵיינֶע עוֹלָם אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת דְבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הֶענִיךְ אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אִינְזִין הָאבְּן יֶעדְן טָאג פוּנֶעם יָאר אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ בַּאקְוֶועמֶע פְּלַאץ אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ גַאנְץ יָאר זָארְגְסְטוּ פַאר דֶעם אַז אַלֶעס זָאל זַיין בַּאקְוֶועם און גֶעשְׁמַאק; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, עֶס אִיז אַן אֵייבִּיגֶע זְכוּת.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אוֹיסְקְלוֹיבְּן וֶועם צוּ גֶעבְּן אַ בֶּעט בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אָנְצוּפִילְן דֶעם בִּנְיָן, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ זָאל

זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע עוֹלָם, אַ רֵיינֶע עוֹלָם וְכוּ׳. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דִי גַבָּאִים בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַאַרְדִינְגֶען בֶּעטְן פַאר וֶועם אִימֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ, נֶעם מִיט דִיר אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן בַּיי דִי אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אַ תְּהִלִּים אוּן אַ מִשְׁנָיוֹת, אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ פוּן דִי גַאנְצֶע קָאנְסְטְרָאקְשְׁן סַייט אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת, (אוֹיךְ קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, שְׁנַת תשפ״ח); דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדָה פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס צֶעטֵיילְן אִין צְוֵויי.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאַרְן הֶעלְפְן דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין ״נְשֵׁי חַיִל״**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אַרַיין לֵייגְן אַזוֹיפִיל הַארְץ אוּן כֹּחַ אִינֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין ״נְשֵׁי חַיִל״, פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דְחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב, פַארְן מְחַזֵק זַיין דִי פְּרוּיעֶן זֵיי זָאלְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אוּן זַיין דָבוּק צוּ צַדִיקִים אוּן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

**אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַזוֹי וַוייל אִיךְ רֶעד נִישְׁט גֶעהֶערִיג צוּ דִיר; חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי חוֹבוֹת וְכוּ׳, דָאס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין מֹחַ, דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִיךְ זָאל פַארְזֶען וְכוּ׳ אוּן נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען וְכוּ׳.

יֶעצְט גֵייט זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין "אַנְשֵׁי חַיִל"; אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט, הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה וָואס הָאט דִיר אַזוֹי גֶעהָאלְפְן, וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אִין מִשְׁנַיוֹת. זָאג יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא. אוֹיךְ אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ חַבְרוּתָא, אָדֶער קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעשְׁמַאק אִין דַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אוֹיךְ דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען, וַוייל דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - דֶער אִיז פְּרֵיילִיךְ אוּן אִיז מַצְלִיחַ.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע פְּרִינְצִיפְּן פוּן נִישְׁט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה, אוּן קְלַאפּ אַרוֹיס דִי נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת אַז אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז וְכוּ׳.

...

**לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן "בֵּית הַדְּפוּס"**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בָּרוּךְ רוֹפֵא חוֹלִים, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ בִּיסְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן שְׁפִּיטָאל,

נִסִים וְנִפְלָאוֹת מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ דַארְפְסְט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל אַז דוּ בִּיסְט נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן דִי קַאר עֶקְסִידֶענְט, דוּ בִּיסְט אַרוֹיס מִיטְן לֶעבְּן (אֶפְשָׁר בִּזְכוּת וָואס דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען מַאכְן פָּארִיגֶע וָואךְ דִי לֶעקְטֶער אִין חֵדֶר פַּאר דִי קָאךְ אַז דִי הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, פְרִישְׁטָאג אוּן מִיטָאג; בִּזְכוּת לִימוּד הַתּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן הָאסְטוּ גֶעהַאט דִי נֵס).

לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס זָאלְסְטוּ מְנַדֵב זַיין צְדָקָה פַארְן "בֵּית הַדְּפוּס", צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים לְזַכּוֹת אֶת הָרַבִּים, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת אִין שׁוּלְן, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי הַייזֶער (בָּאנְגֶעלָאוּס), אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לג:), וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהַאט דִי נֵס הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז טוּן פַארְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ, עַיֵין שָׁם.

...

## דִי שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס וָואס אִיז דָא בַּיי עֶנְק.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הוּט אוּן אַ רֶעקְל, זַיי מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הוֹיז, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ מְכַבֵּד זַיין, עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁטִיקְלֶען דָאס דַאוְוענֶען, הֵייבּ אָן פוּן "אֲדוֹן עוֹלָם" בִּיז "אֲדוֹן עוֹלָם", שְׁנַייד נִישְׁט אוֹיס קֵיין שׁוּם זַאךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, לֶערְן דִי בְּרִיוְון בְּקוֹל, לֵיין יֶעדֶע בְּרִיוו וִוי אַ פְּרִיוַואטֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ - וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן, דוּ וֶועסְט אַלְץ זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, פִיל מִיט חַיּוּת.

הֶעלְף מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל עֶס זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטֶעטְל, קוּם אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הוּט אוּן אַ רֶעקְל.

...

## שְׁטְרֶענְג זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וְוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ? וָואס מַאכְסְטוּ? אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן.

גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין קֶערְפֶּער, שְׁטְרֶענְג זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם קֶערְפֶּער - אִיז אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה״, אַז דֶער גוּף אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פַארְלִירְט מֶען אַסַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; הִיט זִיךְ צוּ עֶסְן גֶעזוּנְט, טְרוּנְק אוּן רוּ זִיךְ אָפּ, אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה.

זָאג תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח), תְּהִלִּים אִיז אַ מִשְׁעֶנֶת פַארְן מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ תְּהִלִּים פַאלְט מֶען נִישְׁט, מֶען הָאט כֹּחַ צוּ גֵיין אוּן קוּמֶען, מֶען הָאט כֹּחַ צוּ טוּן, עֶס הַאלְט אוּנְטֶער דֶעם מֶענְטְשׁ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה וָואס דוּ הָאסְט, אַ טַייעֶרֶע ווַייבּ, אַן אֵשֶׁת חַיִל, וְוי זִי זָארְגְט פַאר דִיר אוּן זִי אִיז אַזוֹי אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר בְּלֵב וָנֶפֶשׁ.

...

## לָאז שׁוֹין אָפּ דָאס זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ״ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז

מִיר מוּזְן קוּקְן גוּט אוּן אוֹיפְזוּכְן גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נָאר דָא שְׁלֶעכְטְס, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן שְׁלֶעכְט, כּוּלוֹ רַע, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אִין אִים אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אוֹיב מֶען וֶועט זֶען דִי גוּטְס אוּן מֶען וֶועט טְרַאכְטְן פוּן דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס - מִיט דֶעם קֶען מֶען מְהַפֵּךְ זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס אוּן בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט; מִיר זָאלְן זוּכְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטְס, אוֹיךְ אִין זִיךְ אַלֵיינְס זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן גוּטְס, טְרַאכְטְן פוּן דִי גוּטְס אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי גוּטְס, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אִינְגַאנְצְן צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז שׁוֹין אָפּ דִי שְׁלֶעכְטְס, לָאז שׁוֹין אָפּ דִי מָרָה שְׁחוֹרָה, לָאז שׁוֹין אָפּ דָאס זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן, הֵייבּ אָן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט; זַיי זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי מְזוּזָה וָואס דוּ הָאסְט בַּיי דִי טִיר פוּן דַיין שְׁטוּבּ, זַיי זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת דַיינֶע, זַיי זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי צִיצִית, זַיי זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי תְּפִילִין; פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן, זָאלְסְט גֵיין אַ טֶענְצְל אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שְׁכּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָ' צוּ טוּן דַיינֶע מִצְוֹת".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זֶען נָאר גוּטְס, אוּן בִּינְד זִיךְ אוֹיף פוּן דִי קֵייטְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר הָאט דִיךְ גֶעבּוּנְדְן אִין זַיין תְּפִיסָה, אוּן עֶר מַאכְט דִיךְ קוּקְן אוּן טְרַאכְטְן אוּן גֶעדֶענְקֶען נָאר פוּן דִי חֶסְרוֹנוֹת פוּן דַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם צֶעשְׁטֶערְט עֶר דִיר דַיין לֶעבְּן; דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אָנְגֵיין אִין דַיין טָאג, עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט דִיר דַיין קָאפּ מִיט דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס דוּ זֶעסְט אִין זֵיי; הֵייבּ אָן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זוּךְ אוֹיף אֵיין גוּטֶע זַאךְ אִין דַיין וַוייבּ, אוּן

אַזוֹי אוֹיךְ אֵיין גוּטֶע זַאךְ אִין יֶעדֶער פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם, אוּן טְרַאכְט: 'זַיי זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי גוּט מִיט דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן'.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אוּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בָּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'", וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, אֲפִילוּ דִי הַארְץ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אוּן לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן כה), אַז דִי מַעֲשִׂיוֹת וֶועקְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף; אוֹיךְ מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן דֶעם סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שעט): "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חָבֵר, דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הָרַב ר' ... שְׁלִיטָ"א, דוּמֶ"ץ דִקְהִילָתֵנוּ**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען פוּן דִי נָאנְט דִי הַתְמָדָה פוּן דִי אַבְרְכֵי הַכּוֹלֵל, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' צוּ זִיצְן צְוִוישְׁן דִי וֶוענְט פוּן כּוֹלֵל הֶערְן דִי קוֹל תּוֹרָה פוּן דִי אִינְגֶעלַייט, אוֹיךְ צוּ זֶען דִי עֶרְלִיכְקֵייט מִיט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.

איִךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען הָאבְּן דִי זְכִי׳ צוּ לַאדֶענֶען דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט מִיט דִיר צוּ אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, סַיי דֶעם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, מְנַחֵם אָב, און אוֹיךְ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל. אִיךְ ווִיל מְחַזֵק זַיין דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, א): "אֵין מְחַזְּקִים אֶלָּא הַמְּחֻזָּקִים", דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען - דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ", ווִי גְרֶעסֶער מֶען אִיז, "יִצְרוֹ גָדוֹל הֵימֶנּוּ", דַארְף מֶען מֶער חִיזוּק.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְן מְקַרֵב זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי אִין כּוֹלֵל און אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיךְ מְקַרֵב זַיין מַיין זוּן דֶער חָתָן, אִים מְחַזֵק זַיין צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא וַהֲלָכָה, פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן צְווִישְׁן דִי וֶוענְט פוּן כּוֹלֵל, "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה׳ אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה׳ כָּל יְמֵי חַיַּי, לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ" (תְּהִלִּים כז, ד), אִיךְ און מַיינֶע קִינְדֶער און קִינְדְ׳ס קִינְדֶער.

לָאז מִיר ווִיסְן וֶועגְן עֶסְן סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

...

## אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע וויטַאמִין און מֶעדֶעצִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

אִיר קֶענְט גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ בּוֹדֵק זַיין צוּ זֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט מִיט אַייךְ וְכוּ׳, עֶס אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט גֵיין, אַזוֹי וֶועט אִיר וֶוערְן רוּאִיג און פְרֵיילִיךְ; ווַייל יֶעדֶע מָאל מֶען הָאט קָאפּ ווֵיי, דִי קָאפּ שְׁווִינְדְלְט וְכוּ׳ - אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי ווֵייטָאג דִי פַּחַד און שְׁרֶעק, און אַמָאל אִיז דָאס רוֹב פוּן דִי ווֵייטָאג; אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער צוּ זֶען אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, זִינְגְט און טַאנְצְט נִגּוּנֵי

אֱמוּנָה, אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין אוּן דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פוּן טוּן אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ זִיךְ מַאכְן נַארִישׁ, אַבִּי זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה וָואס אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן אַז אִיר וֶוערְט נִישְׁט רוּאִיג זָאלְסְט אִיר גֵיין צוּם דָאקְטֶער וְכוּ׳, אוּן זִינְגְט אוּן טַאנְצְט, וֶועט אִיר מִיט שִׂמְחָה פַארְטְרַייבְּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

אִינְדֶערְפְרִי זָאגְט בִּרְכַּת הַשַּׁחַר מִיט קְרִיאַת שְׁמַע, זָאגְט דִי אֲנִי מַאֲמִין מִיט טַייטְשׁ; וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

...

## דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוּו הַאלְטְן פְרִישׁ מִיט חַיוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ״ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵק זַיין אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען טָאג אוּן נַאכְט עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִימוּדִים פַאר דִי וֶועלְט, דַארְף מֶען עֶרְשְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט קֵירוּב קְרוֹבִים.

זַיי מְחַזֵק דִי בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים זֵיי זָאלְן אוֹיסְהֶערְן יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים, אוּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּרִיוְון, וַוייל נָאר אַזוֹי הָאט מֶען כֹּחַ אָנְצוּגֵיין. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן גֶעלֶערְנְט דִי בְּרִיוְון - דִי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶועז פְרִישׁ, פִיל מִיט חַיוּת, אוּן דִי וָואס הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים - דִי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט, אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט אָפְּגֶעלָאזְט.

וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, סַיי אִין יְשִׁיבָה און סַיי צוּ דִי אִינְגֶעלַייט - זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְּן צַייט צוּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט.

...

## וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט אַלֶעס גֶעשְׁמִירְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין וֶועג מִיט אַייעֶר קִינְד, אִיר קֶענְט אִים נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין, עֶר פָאלְגְט נִישְׁט און עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע כֹּחַ וְכוּ', אִיר שְׁפִּירְט ווִי אִיר קֶענְט מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב), דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס הָאט מִיט אִים, זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער און אַזוֹי וַוייטֶער, אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט וְכוּ'; אַזוֹי אִיז גוּט צוּ טוּן, און אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער מַיינֶע קִינְדֶער און מַיין מַאן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיין, אִיךְ פַאל פוּן מַיינֶע כֹּחוֹת, אִיךְ בִּין אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, הֶעלְף מִיךְ אַז מַיין זִיסֶע קִינְד ... זָאל מִיךְ פָאלְגְן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מִיר און מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער..."

אִיר וֶועט זֶען, דִי טֶעג וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט זִיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט אַלֶעס גֶעשְׁמִירְט, און דִי טֶעג וָואס מֶען פַארְגֶעסְט - קֶען מֶען נִישְׁט דוּרְכְשְׁטוּפְּן דֶעם טָאג...

...

## קום צו די שִׁיעוּרִים, הֶערְן די זִיסֶע עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, פוּן דַיין לֶעבְּן, פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ אוּן אַז זַאכְן גֵייעֶן גוּט בַּיי דִיר.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה צוּ זֶען דַיין נָאמֶען חוֹדֶשׁ'לִיךְ וִוי דוּ הֶעלְפְּסְט די יְשִׁיבָה, אוּן נָאךְ מֶער וֶועל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן דִיךְ צוּ זֶען קוּמֶען צוּ די שִׁיעוּרִים, הֶערְן די זִיסֶע עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, די עֵצָה פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט די טֶעג פוּן די וָואךְ, אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וְכוּ', אוּן די עֵצָה פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת.

...

## לוֹיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער מִיט זֵייעֶר צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן אַז זֵי פִירְט זִיךְ מִיט די מְסוֹרָה פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, די מְסוֹרָה פוּן די הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּנֶעמֶען די הָאר.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ די מַאמֶע מִיט די טֶעכְטֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אִין די שְׁטוּבּ רוּט די שְׁכִינָה אוּן עֶס אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה די מַאמֶע מִיט די טֶעכְטֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף בִּפְרִיצוּת - פַארְטְרַייבְּט מֶען די שְׁכִינָה, מֶען פַארְטְרַייבְּט אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן שְׁטוּבּ, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין די סִטְרָא אַחֲרָא, די מַזִיקִים אוּן די קְלִיפּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

לוּיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ מִיט דֶעם וָואס זִי פִירְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְסוֹרָה פוּן זִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הָאר, אִינְגַאנְצְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. קוּק אַרַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט אִין זוֹהַר (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ, 'מַאן גָּרִים דָא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

לוּיבּ אוֹיס דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע טֶעכְטֶער מִיט דֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט צוּגֶעדֶעקְטֶע שְׁטְרוּמְפּ וָואס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי פוּס, אוּן מִיט קְלֵיידֶער וָואס אִיז אֵיידְל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "הַצְּנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", וֶוען דִי מַאמֶע מִיט דִי טֶעכְטֶער פִירְן זִיךְ אֵיידְל - וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער.

אַז מֶען קוּקְט אִין דִי וֶועלְט אוּן מֶען זֶעט וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי סַאךְ קִינְדֶער, אַזוֹי סַאךְ שְׁטִיבֶּער - פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט; דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן אַז דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער, דִי מַאמֶע מִיט דִי טֶעכְטֶער - זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, אוּן חַס וְחָלִילָה טְשֶׁעפֶּען אָדֶער שְׁפֶּעטְן, אָדֶער אַוֶועקְמַאכְן אוּן אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן דִי וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט גֵיין וִוי אִיר מַאמֶע אוּן וִוי דִי הֵיילִיגֶע מְסוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן הָאבְּן אֵיידֶעלֶע חַבְרְ׳טֶעס, עֶרְלִיכֶע חַבְרְ׳טֶעס, חַבֶרְ׳טֶעס פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁטִיבֶּער, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן אַ חַבֶרְ׳טֶע אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן אוֹיבּ מֶען חַבֶרְ׳ט זִיךְ מִיט נִישְׁט קֵיין גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶע - קֶען מֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְרִיכְן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ז.): "הַרְבֵּה יַלְדוּת עוֹשָׂה, הַרְבֵּה שְׁכֵנִים הָרָעִים עוֹשִׂים".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען רֶעדְן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, אוּן מֶען זָאל פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן אַ דַיָין אוּן פוּן אַ רַב, אוּן פָאלְגְן וָואס דִי חֲכָמִים זָאגְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גַנֶב׳עֶ זִיךְ אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג פַאר הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעסֶער אִיז דָאס צוּ טוּן וִוי פְרִייעֶר אִינֶעם טָאג, וֶוען דֶער מֹחַ אִיז נָאךְ קְלָאר. גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר, פַאר דַיין שְׁטוּבּ, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוֹרֵי דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַלֶע זָאלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה, בְּדֶרֶךְ הַצַּדִיקִים.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

**אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל, קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן דִי בְּרָכוֹת אוּן סְגוּלוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ...

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעטְרַאכְט אוֹיבּ אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן, וַוייל וָואס דַארְף אִיךְ זָאגְן וְכוּ׳? אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, זֶע אִיךְ עֶנְקֶער צַעַר וִוי עֶנְק וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי יְשׁוּעָה אַז עֶס זָאל שׁוֹין קוּמֶען; גֵיי אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין וֶועג אַבִּי עֶנְק זָאלְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

וִויסְן זָאלְט אִיר, דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי פְרוֹי גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידְל, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן

בִּפְרִיצוּת - פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה פוּן שְׁטוּב; אִיז מְמֵילָא נִישְׁט חָל דִי בְּרָכוֹת אוּן סְגוּלוֹת וָואס מֶען בַּאקוּמְט.

עַל כֵּן טַייעֶרֶע טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳, שְׁטַארְקְט אַייךְ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, אוּן אֲפִילוּ אִין שְׁטוּב זָאלְט אִיר גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, נִישְׁט קוּרְץ, נִישְׁט גֶעפַּאסְט, אוּן אוֹיךְ דִי פִּיס זָאל זַיין צוּגֶעדֶעקְט; וֶועט אִיר מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן אִיר וֶועט גְלַייךְ זֶען ווִי אַייעֶר יְשׁוּעָה קוּמְט.

דִי אַלֶע זַאכְן וָואס פְּרוּיעֶן טוּעֶן; דַאוֶונֶען, גְּמִילוּת חֲסָדִים - אִיז נָאר חָשׁוּב אַז מֶען אִיז אַ צְנוּעָה, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז נִישְׁט אֵיידְל - אִיז אַלֶעס אַ שָׁאד.

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו נָאר וַוייל עֶנְק וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג פַאר אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ ווִיל עֶנְק הֶעלְפְן.

...

## זֶע צוּ טוּן פַאר הַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - וָואלְסְטוּ יֶעדְן טָאג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם, וָואלְסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט כֹּחוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״, קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר

גֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט אוֹיף דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים; אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, אוּן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען זֵיי אַלֶע צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאבְּן זֵיי נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע צוּ טוּן פַאר הֲפָצָה; אָדֶער זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, אָדֶער זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע מְפִיצִים אוּן זֵיי הֶעלְפְן אוֹיסְטֵיילְן יֶעצְט זוּמֶער אִין דִי קֶעמְפְּס אוּן אִין דִי קָאנְטְרִיס - דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת; וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַ רַעַשׁ, אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט אַ גַאנְצֶע גֶעטוּאַכְץ וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד אִיז עוֹסֵק אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוּבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשְׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוּבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען אוּן מֶען

מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעשְׁ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיב זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוּבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיפְּפְרִישְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן הָרַב נַחְמָן נָתָן שְׁלִיטָ"א, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט דֶעם חָשׁוּבְ'ן מְחוּתָּן רֶבִּי אַבְרָהָם הֶערְשׁ וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, דֶער גַבַּאי פוּן שְׁטֶעטְל. וִויפִיל דַארְף אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט מִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זֶען שִׂמְחוֹת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נַחַת אוּן פְרֵייד גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, טֵייל אַיין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער, פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי; דִינְסְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער, פוּן שְׁלִישִׁי בִּיז רְבִיעִי; אַזוֹי זָאלְסְטוּ

טוּן אַלֶע טֶעג פוּן דִי וָואךְ, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פָּרָשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, אוּן דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁמִירָה פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; זָאג יֶעדְן טָאג כַּמָּה וְכַמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט דִיר.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף מְנַצֵּחַ זַיין דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן י"ט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' - וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר,

זֶע צו קוּמֶען וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף חִיזוּק, און אֲפִילוּ דו וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט שְׁמוּעֶסְן בַּיים שִׁיעוּר, דו וֵוייסְט פִּינְקְטְלִיךְ וֶועלְכֶע שִׂיחוֹת און וֶועלְכֶע תּוֹרוֹת מִיר גֵייעֶן זָאגְן דִי וָואךְ, דָאךְ דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ דָאס נָאכְאַמָאל הֶערְן און דָאס נָאכְאַמָאל אוֹיפְפְרִישְׁן; וַוייל דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער און מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען בַּיים שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וויל מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס פוּן דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ עֶרְהַאלְט יֶעדְן טָאג דַיינֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס, אַ בַּארִיכְט פוּן יְשִׁיבָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיט דִי יְשִׁיבָה, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים און אַרַיינְבְּלָאזְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, און אַרַיינְבְּלָאזְן אִין זֵיי אַ רוּחַ חַיִים, מִיט דִי חִיזוּק און עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם בָּחוּר ... וָואס פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה; אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אִים, אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵק זַיין צוּ זַיין בְּהַכְנָעָה, אָבֶּער דִיר בֶּעט אִיךְ בַּאזוּנְדֶער זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִים לִיבּ צוּ הָאבְּן, פְּרוּבִּיר צוּ זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס אִין אִים, וֶועט זִיךְ דִי בִּילְד אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, כַּמַּיִם פָּנִים לַפָּנִים... אַ הַארְץ שְׁפִּירְט גְלַייךְ וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט און וִוי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט; אַז דוּ וֶועסְט אִים לִיבּ הָאבְּן וֶועט עֶר זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ, מַאךְ צַייט אוֹיךְ פַאר אִיר, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט, און אוֹיךְ אִיר זָאלְסְטוּ אַלֶץ דַן זַיין לְכַף זְכוּת - וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי דִיר.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיר צוּ שִׁיקְן אַ בַּארִיכְט יֶעדְן טָאג פוּן יֶעדְן פְּרַט פוּן יְשִׁיבָה,

אִיךְ וויל וויסְן אַלֶעס פון יְשִׁיבָה, אִיךְ וויל אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע בָּחוּרִים מִיט הַכְנָעָה, מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

...

## מַאכְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה און יִשּׁוּב הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְבָרִים, חֲזוֹן, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת און גֶעדוּלְד, חַס וְחָלִילָה נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, און חַס וְחָלִילָה נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער טְשֶׁעפֶּען דִי קִינְדֶער. און אוֹיבּ דוּ ווילְסְט מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ זָאלְסְט זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווי דוּ הָאסְט לִיבּ תּוֹרָה, און ווי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; שַׁבָּת בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶונֶען, דָאס וֶועט זַיין 'מַעֲשֶׂה אָבוֹת סִימָן לְבָנִים', ווייל ווי אַזוֹי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ - אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער טוּן בַּיים סוֹף.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ פֶּלֶא פון אַ מַעֲשֶׂה (סֵפֶר נִפְלָאִים מַעֲשֶׂיךָ, מַעֲשֶׂה קי), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן זַיין קִינְד, ווייל דָאס קִינְד הָאט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט אָן זִיךְ וואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם, עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט בֵּיידֶע פִּיס פוּנֶעם קִינְד מִיט אֵיין הַאנְט, און גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן אִינֶעם אַנְדֶערְן הַאנְט, און וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן דָאס קִינְד הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין גֶעשְׁלָאגְן און עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין זֵייעֶר שְׁטַארְק צֶעקְלַאפְּט; הָאט דֶער זוּן גֶעזָאגְט: ״טַאטֶע, דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס דוּ הָאסְט דִיךְ צֶעקְלַאפְּט? ווייל פון הִימְל וויל מֶען דִיר וַוייזְן אַז אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט מִיךְ שְׁלָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ עֶס אָן נְטִילַת יָדַיִם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס עֶנְדֶערְשׁ שְׁלָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ עֶסְט אוֹיךְ אָן זִיךְ וואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם, און דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ עֶס אָן נְטִילַת יָדַיִם; אוֹיבּ וָואלְט

אִיךְ דִיךְ גֶעזֶען עֶסְן נָאר מִיטְן זִיךְ וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעסְן אָן נְטִילַת יָדַיִם".

פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ חֲצוֹת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים נ.): "כָּל הָעוֹשֶׂה מְלָאכָה בְּעֶרֶב שַׁבָּת אֵינוֹ רוֹאֶה סִימָן בְּרָכָה", עֶרֶב שַׁבָּת אַז מֶען אַרְבֶּעט - זֶעט מֶען נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה; גֵיי אַהֵיים, הֶעלְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, הֶעלְף דַיין וַוייבּ, אוּן לֵייג זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפּ שְׁלָאפְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מַאכְן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת. מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט קֵיין כַּעַס. מִיט סַבְלָנוּת, נִישְׁט מִיט קֵיין נֶערְווִין.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת!

...

## לוּחַ שְׁנַת תשפ"ז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְבָרִים, חֲזוֹן, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, וָואס אִיז מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

בְּנוֹגֵעַ דִי לוּחַ פַאר שְׁנַת תשפ"ז; קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט דְרוּקְן דֶעם לוּחַ וַוייל יֶעצְט אִיז דָא אַ מְדֻבָּר בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען לָאזְן דִי פַּארְרוּקְטֶע זֵייגֶער פַאר אַ גַאנְץ יָאר, מִמֵּילָא אִיז אַ שָׁאד אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין דְרוּקְן דֶעם לוּחַ אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען עֶס דַארְפְן אִיבֶּערְמַאכְן, וַוארְט נָאךְ צוּ אַבִּיסְל, וֶועלְן מִיר זֶען...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי טֶעג אוּן וָואכְן זָאלְן נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, אוּן אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט אַז דוּ בִּיסְט פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, דוּ זֶעסְט זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל, דוּ זֶעסְט זִיךְ וִוי אַ נִישְׁט נָארְמַאלֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דָאךְ זָאלְסְטוּ דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיפְזוּכְן גוּטֶע נְקוּדוֹת בַּיי דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְזוּכְן אִין זִיךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, פוּן דֶעם זָאל עֶר טְרַאכְטְן אוּן אוֹיף דֶעם זָאל עֶר קוּקְן, אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; דִי עֵצָה הֶעלְפְט סֵיי בַּיי זִיךְ, אוּן אוֹיךְ מִיט אַנְדֶערֶע; מִיט דִי וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער, מִיט שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער חַבֵר, זֶע אַז דִי טֶעג אוּן וָואכְן זָאלְן דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, זֶע אַרַיינְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גוּטְס וָואס וֶועט בְּלַייבְּן לְנַצֵּחַ נְצָחִים. זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ. דִי צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער, לֶערְן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן (סִימָן ע״ו): ״שֶׁאֵין צְרִיכִים בְּלִימּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין״, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז, מְזֻבּוּב וְעַכָּבִישׁ), אַז דֶער בַּארְג הָאט גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג: ״מִיר וִויל מֶען אוֹיךְ שְׁלֶעכְט טוּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ פִיל שׂוֹנְאִים וָואס וִוילְן מִיךְ הַרְגֶ׳עְנֶען, אָבֶּער דֶער דַף אִיז אוֹיף מִיר מֵגִיעַ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן דֶעם דַף, כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם דַף, דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם דַף, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא - ״בַּאדַארְפְסְטוּ קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ

הָאבְּן", אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ לְעֵת עַתָּה זִינְקְסְטוּ אִין בְּלָאטֶע, דוּ בִּיסְט שׁוֹין כִּמְעַט דֶערְטְרוּנְקֶען אִין דִי טִיפֶע בְּלָאטֶעס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סט, ג): "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד", אָבֶּער מִיט דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַּאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַּאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי מֶער מֶען דַאנְקְט, אַלְץ שְׁנֶעלֶער קוּמְט דִי רְפוּאָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר זוּן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳, אִיר זֶענְט זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וְכוּ׳, מֶען הָאט גֶעפוּנֶען בַּיי אַייךְ וְכוּ׳, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֶנּוּ.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, ווַייל ווִי מֶער מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס אוּן מֶען זֶעט דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ שְׁנֶעלֶער קוּמְט דִי רְפוּאָה. ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחְלוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אוּן אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִיא רְפוּאָה גְּדוֹלָה״, אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

אַייעֶר זוּן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער מִיט דִי טָאכְטֶער, אוּן ווִי אִיר נֶעמְט דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר צוּם הַארְצְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן ווִי עֶס זֶעט אוֹיס אִיז דָאס דִי סִיבָּה פוּן דִי מַחְלָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אוֹיפְזוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס אִיר הָאט, אוּן דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ פַאר דִי טָאכְטֶער, אוּן פְּרוּבִּירְט אִיר דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, זוּכְט אוֹיף אִין אִיר גוּטֶע זַאכְן, אוּן נָאר פוּן דֶעם זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ וֵויינֶען טָאג אוּן נַאכְט וֶוען אַ קִינְד גֵייט זִיךְ זַיין וֶועג וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט, דָא אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער גוּטְס, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען", אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל, מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן יִסּוּרִים אוּן צָרוֹת עֶר זָאל הָאבְּן וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּ תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן נִדָּה וְכוּ'; דָאס וֵוייסְטוּ אַוַודַאי, אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה בַּאקוּמְט מֶען כָּרֵת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת יג.), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסגֶעהַאלְטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אֵיינְמָאל - דֶערְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַודַאי הָאבְּן מִיר

גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה", הָאט אִיר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט פִּינְקְטְלִיךְ צִי זִי קֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, בִּיז זִי הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אִיר מַאן הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי הֲלָכוֹת אִין דִי שִׁבְעָה נְקִיִּים; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן נֶעם מַסֶּכֶת כְּרִיתוּת אוּן זֵיי דָאס גוֹרֵס אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז לֶערְנֶען מַסֶּכֶת כְּרִיתוּת אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז כָּרֵת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן הַרְחָקוֹת, זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אוּן גֶעזוּנְט גֵייסְטִישׁ, נָאר אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת הָאט מֶען הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְן אַ טִיקֶעט צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט צְוֵויי עֵדִים אַז דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], "אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו" – וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה); נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו), אַז אֲפִילוּ דֶעם וֶועם עֶר קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר – זָאל קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין; זָאלְסְטוּ שׁוֹין מַאכְן אַ טִיקֶעט אוּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי פְּלֶענֶער וֶוען צוּ פָאהְרְן אוּן מִיט וֶועמֶען צוּ פָארְן. וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן גְלַייךְ גֵיין צוּם צִיּוּן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיךְ דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חֲבוּרוֹת מְפִיצִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מֹשֶׁה רֶעכְנִיצֶער נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

... אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מִיר גֶעוִוינְן דִי הֶערְלִיכֶע סֵפֶר וָואס דוּ גֶעבְּסְט יֶעצְט אַרוֹיס, צַאמְגֶענוּמֶען בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתּוּרְגָם אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען ווִי עֶנְק טוּעֶן פַאר הֲפָצָה, צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק, שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה לוֹיט ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ הָאב זֵייעֶר הֲנָאָה אַז עֶנְק מַאכְן צוּרִיק חֲבוּרוֹת פַאר מְפִיצִים, לְחַזֵּק אֶת הָאַבְרֵכִים וְהַבַּחוּרִים שֶׁעוֹסְקִים בַּעֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ בְּקִירוּב הַגְּאוּלָה.

גֶעבּ אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ תְּחִיָ׳ פַארְן הֶעלְפְן בֵּית פֵיגָא, דָאס אִיז בַּיי מִיר דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ, בֵּית פֵיגָא אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס, וַוייל אַז דִי מֵיידְלֶעךְ וֶוערְן נִתְחַנֵךְ מִיט אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט, אוּן מִיט אַ גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה וּמִצְווֹת - וֶועלְן זֵיי מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אוֹיפְשְׁטֶעלְן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וַוארְט דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן.

...

## דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, אִיז צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיָ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּנֵי בְּרַק**

זָאגְט תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, רֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּן ווִי אַזוֹי אַ קִינְד רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין טַאטֶע.

פּירְט זיךְ אֵיידל, די שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אִיז צְנִיעוּת, זַיין אֵיידְל; דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא אֵיידְלְקֵייט - דָארְט אִיז די שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## בְּלַייב מְקוּשָׁר מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיסֶע גֶעסְט, דֶער גַבְּאַי פוּן עֶנְקֶער שׁוּל אִין בְּנֵי בְּרַק, ר׳ ... אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט זַיין זוּן, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶערְ׳ס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלִיחַ קֵיין בְּנֵי בְּרַק - וֶועל דִיךְ דיר שִׁיקְן אַ בְּרִיוו.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיין, אַלֵיין פַאלְט מֶען, אוּן מִיט חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הַצַּדִּיק - הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. קוּק די שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שטו), וֶוען רֶבִּי לִיפָּא אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען נָאכְן וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וְכוּ׳, ״תָּמֵהַּ אֲנִי״, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ״, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַוֶועקְגֵיין פוּן אַזַא בַּאלִיבְּטֶע חַבוּרָה...

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר מֹשֶׁה רֶעכְנִיצֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען די נַייעֶ שֵׁיינֶע סְפָרִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ מְתוּרְגָם, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז די בְּנֵי בְּרַק׳עֶ חַבוּרָה הָאט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייט עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הֲפָצָה, וַוייל נָאר די וָואס טוּעֶן אִין הֲפָצָה - די הָאבְּן כֹּחַ לַעֲמוֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ, זֵיי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, אוּן הַלְוַאי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין הֶעלְפְן מַאכְן די חַבוּרוֹת פַאר מְפִיצִים אַזוֹי וִוי אִין אָנְהֵייבּ.

אִיךְ וַוארְט דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

...

## תְּהִלִּים הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ, נִישְׁט צוּ פַאלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּנֵי בְּרַק**

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער אוּן אַייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צב), תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ מִשְׁעֶנֶת אוֹיף וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוּנְטֶערְלַאנֶען, מֶען פַאלְט נִישְׁט.

פִירְט אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זַייט מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## מִיט דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת

מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוּיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מִיר הָאבְּן עֶס מְקַשֵׁר גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא דְבָרִים, א), אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים א, א): "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל", אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעזָאגְט: "לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ פַּרְעֹה, הָאסְטוּ גֶעזָאגְט אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן יֶעצְט זָאגְסְטוּ: 'אֵלֶּה הַדְּבָרִים'? זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אַז אוּיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ 'חַיָּךְ', עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער, עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן - זָאל עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, 'וְהִתְרַפֵּא', אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט; הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז אוּיבּ אֵיינֶער אִיז אַ 'חַיָּךְ', 'חַיָּךְ' אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן חוּכָא וּטְלוּלָא, עֶר הָאט אִין זִיךְ לֵיצָנוּת, עֶר אִיז פַארְכַאפְּט בַּיי דִי קְלִיפּוֹת - 'שְׁנֵה אֶת הַתּוֹרָה', זָאל עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה - 'וְהִתְרַפֵּא' וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בַּאנֵיי זִיךְ אוּן מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת קויפמאן

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

וזוגתו **חי' ברכה** תחי'

ובנם

**שמחה ישראל**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון